№ 25 (צווייטער יאָרגאַנג) פרייז 10 גראַשן

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.
BIALER WOCHENBLAT

# ביאַלער וואָכנבלאַט

אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַלע-פּאָדלאַשקאַ.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז:

| | |
|---|---|
| מאָנאַטלעך . . . . | 40 גראָשן |
| פערטל-יערלעך . . . . | 1.20 זל. |

אין אויסלאַנד:

| | |
|---|---|
| פערטל-יערלעך . . . . | 1 דאָלאַר |

אַנאָנסן-פּרייז:

| | |
|---|---|
| פאַר אַ פּעטיט-שורה אין טעקסט . | 40 גראָשן |
| " " " פאָרן טעקסט . | 20 " |
| " " " נאָכן טעקסט . | 15 " |

פאַרן אינהאַלט פון די אַנאָנסן איז די רעדאַקציע נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

נישט-אָנגענומענע מאַנוסקריפּטן ווערן נישט צוריקגעשיקט.

אַדרעס פון רעדאַקציע:
Redakcja „Bialer Wochenblat",
Biała-Podlaska, ul. Pierackiego 15.

Biała-Podlaska, dnia 28 czerwca 1935 r.

ביאַלע-פּאָדל., פרייטאָג פ' שלח, תרצ"ה, 28 יוני.

# ציוניסטן! הײַנט דער לעצטער טאָג אויסצוקויפן דעם שקל!

## הילפס-רינג

### צו פאַרפעסטיקן און פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון „ביאַלער וואָכנבלאַט".

1) ה' ד"ר יואל זילבערבערג ענטפערט מיט 15 זל. און באַגריסט האַרציק די באַנייאונג פון „ביאַלער וואָכנבלאַט".

2) דאָזאָר אלי[illegible]זר צעלניקער ענטפערט דעם ח' ריבאַק מיט 2 זל. און רופט אַרויס די ה'ה רפאל לעדערמאַן, י. מ. גייבלום (וואַרשע), שמואל עקערמאַן (בריטען), הערשל ליבמאַן (ניו-יאָרק), שמואל שווערן (ביאַלע).

3) ה' שמואל אָרלאַנסקי ענטפערט ח' ז. יאַקיבאָווסקי מיט 2 זל. און רופט אַרויס אַלע ציוג. פריינט און סימפּאַטיקער צו שפּענדן אויפן זעלבן צוועק.

4) ה' לייזער ליפּיעץ ענטפערט דעם ח' חיים מיאָדעק מיט 10 זל. און רופט אַרויס די ה"ה: דעם שוואָגער ד"ר מעד. ל. גאָלדשטיין (פילאַדעלפיע), משה ליפּיעץ (א"י), י ליפּיעץ (ניו-יאָרק), י. י. מוראַוויעץ, ליבערגעלד, לייבל בלאַנקלעדער, משה פינקלשטיין, בעריש ווייסמאַן, יהל וואַרעם (ביאַלע), זלמן פרידמאַן, שלום פרידמאַן (בריסק).

באַריכטיקונג: אין דעם ערשטן אויסווייז פון „הילפס-רינג" דאַרף זיין באַנק אודזשאַלאָווי שפּענדעט 5 זל. און נישט ווי ס'איז על-פּי טעות געדרוקט, אַז ה' יצחק אַגרעס זאָל האָבן געשפּענדעט דעם סכום.

## קוויטירונג

מיר קוויטירן מיט דאַנק דעם דערהאַלטענעם סכום פון ה' מ. בלאַכמאַן לטובת אונזער צייטונג.

א גרויס, ליכטיק, זוניק

צימער

אין שענסטן געגנט פון שטאָט צו פאַרדינגען פאַר אַ פּאַרפאָלין אָדער קאַוואַליער, עווענטועל אַ קיך [illegible] פאַרפאַלק. אינפאָרמאַציע אין דרוקעריי „עקספּרעס" פאַר A.

קויפט,

לייענט

און פאַרשפּרייט

„ביאַלער

וואָכנבלאַט"

## פון דער אַדמיניסטראַציע

אַלע ביאַלער אין לאַנד איז און אויסלאַנד, וועלכע וועלן הײַנטיקע וואָך נישט באַצאָלן דאָס געלט פאַרן אַבאָנאַמענט פון „ביאַלער וואָכנבלאַט" וועלן שוין מער נישט באַקומען אונזער צייטונג.

איינצאָלן דאַרף מען אין אַ פּאָסט-אַמט אויף אַ „פּשעקאַז ראָזראַכונקאָווי", וועלכן מען קאָן באַקומען אין יעדן פּאָסט-אַמט. דאָס איבערשיקן געלט פאַר אונזער צייטונג קאָסט גאָרנישט, אינגאַנצן אומזיסט. מען דאַרף אויספילן דעם „פּשעקאַז" און צושרייבן:

№ kartoteki № 3 dla Bialer Wochenblat
w Białej Podlaskiej

מען דאַרף צוגעבן: Należność za prenumeratę tyg. Bialer Woch. za pośredn. Przekazu Rozrachunkowego.

Kino Dźwiękowe „TĘCZA"

פון דאָנערשטאָג דעם 27-טן ביז זונטאָג דעם 30-טן יוני
דער מאָנומענטאַלער פילם

מאַרקיזין יאָריסאַקאַ
(Markiza Yorisaca)

אויפן גרונט פון דער באַקאַנטער דערציילונג פון קלויד פאַרער: די שלאַכט. דער פילם שילדערט די קאַמפן אויפן באָדן און אויפן ים. די אויפנאַמעס געמאַכט אין עקזאָטישן יאַפּאַן.

פון מאָנטאָג דעם 1-טן יולי
דער טאַנץ פון ליבע Taniec miłości
מיט דזשאָאַן קראָפאָרד.

## יעדער געווינען קאָן

דאָס ווערטל, אַז געלט פליסט צו געלט, איז נישט תמיד ווערט דאָס באַשטעטיקט, איבערהויפּט ווען פיל געווינסן זענען געפאַלן טאַקע פאַר אומפאַרמעגלעכע מענטשן, שווער אַרבעטנדע אויפן שטיקל ברויט. אַלזאָ, ווי איר זעט, האָבן אַלע גלייכע שאַנסן צו געווינען אויף דער לאָטעריע. אויב נאָר זיי וועלן דערפילן דעם הויפּט-באַדינג: זיך באַזאָרגן מיט אַ לאָטעריע-צעטל.

די אָבער, וועלכע שפּילן נישט — קאָנען נאַטירלעך נישט געווינען.

## צו דער עפנטלעכקייט!

צוליב דעם, וואָס מיר אונטערגעשריבענע ביאַלער האָלץ-אַרבעטער האָבן געאַרבעט ביי אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען צו צען און אַפילו 12 שעה אַ טאָג און אויך ביי אַ זייער שלעכטן לוין, דעריבער האָבן מיר האָלץ-אַרבעטער באַשלאָסן זיך צו ווענדן מיט אַ פאָדערונג צו די מייסטער, אַז מיר פּראָקלאַמירן אַ 8-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג. דער מייסטער א. סטריכער האָט זיך מיט זיינע אַרבעטער אָפּגערעכנט און קודם כל האָט אָן שום סיבה, נאָר צוליב דער אויבנדערמאָנטער גערעכטער פאָדערונג, גלייך באַזייטיקט פון דער אַרבעט דעם עלטסטן אַרבעטער. אויף דעם ברוטאַלן אָנגריף האָבן פאַרשטענדלעך די אַרבעטער געענטפערט מיט אַ שטרייק אין וואַרשטאַט.

אָפּשטרייקנדיק דריי טעג זענען די האָלץ-אַרבעטער זוליע גוטנבערג און אברהם איידלמאַן געוואָרן שטרייקברעכער און צוריק גענומען אַרבעטן. דעריבער איז ווערט צו באַצייכענען, אַז די דאָזיקע אַרבעטער זענען געווען די פאַקטישע אָרגאַניזאַטאָרן פון גאַנצן פּראָקלאַמירן דעם 8-שעהדיקן אַרבעטס-טאָג.

דעריבער אַפּעלירן מיר, ערלעכע האָלץ אַרבעטער, צו דער עפנטלעכקייט, אַז יעדער אַרבעטער זאָל געדענקען, אַז די ה"ה זוליע גוטנבערג און אברהם איידלמאַן האָבן געבראָכן אַ שטרייק.

זעליג ליבמאַן
אהרן הערשבערג.

זייער וויכטיק פאַר אַלע עולים קיין ארץ-ישראל!

באַגאַזשן שטוב-זאַכן, מעבל, מאַשינען א.א.וו. דערליידיקט שנעל, רעעל און פּינקטלעך צו מעסיקע פּרייזן.

אינפאָרמאַציעס אין קיאָסק פון ה' אהרן ריבאַק.

